**אַ שאלה • A Problem**

By **Joseph Opatoshu**, translation by Raphi Halff and Zeke Levine

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (July 2019)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/problem]

# אַ שאלה

# A Problem

Joseph Opatoshu
translated by Raphi Halff and Zeke Levine

**Introduction:** There is much that strikes the reader as strange in Joseph Opatoshu's "A Problem," or in Yiddish, "*A Shayle*." Of course the premise alone is a strange one: the forefather Abraham wants to appease his sexual frustrations with Daisy, a “mulatto,” who strongly evokes a victim of American slavery. Strange, then, is Abraham's position as slaveowner. Strange is Sarah's portrayal as a hideous, sickly, and hostile old woman. Strange are repetitive sentences, and the seemingly contradictory clauses. But strangest of all is that Opatoshu likely had a similar *shayle*. According to his grandson Dan Opatoshu, in the 1920s, the Leyvik, Glantz-Leyeles, and Opatoshu families would rent a house in upstate New York and spend the summers there, together. "For the course of the summers the Glantzes and the Opatoshus would switch mates. My grandfather would have a bedroom with Fanya Glantz, and Adele, my grandmother, would share a bedroom with Glantz." In the summer of 1924 Opatoshu published this story. Do not confuse the Abraham here with the burly, sunburnt Joseph Opatoshustrolling over upstate New York landscape, hand in hand with his friend's wife, while his own sits on the porch watching the children play naked in the grass.

# A Problem

Abraham had no idea how rich he really was. The cows that wandered the enclosed pasture had almost doubled in number every year. New pieces of land were acquired, and with them fresh farmhands. They worked for Abraham from dawn to dusk, soaked in sweat.

But Abraham could not rest, unable to rely on Itsik, his childish only son. Abraham looked over the cows, oversaw the grain harvest, breathed in the fresh smell of foamy milk, and dealt with merchants. He never let go of the reins, ensuring that all the creatures on his farm were pulling their weight.

Abraham's muscled body, his rugged neck, which had begun to furrow, his sunbaked face with its red veins: everything commanded respect. He could not stand to watch people sit idly—under his watch the farmhands became nimbler, their movements faster.

He himself would go into the fields with a scythe, working hand in hand with the harvesters, losing himself in the work.

Only at home was Abraham discreet. The maids, too, were required to walk on tiptoe and mouth their words, as if a sick person were living in the house. Abraham's wife, Sarah, was weak, emaciated—she'd been knocking on death's door for years. She would constantly stretch her long and withered neck, on which one could count the beaded wrinkles like on a plucked chicken, and a tin-rattling cough would twist and gnaw her fragile body.

She hated commotion. She would sit whole days by the window, looking at the field, and when she happened to see a rooster shuffling towards a hen, courting it, she would angrily order them apart: "Ah! G't outta here! Away!"

Any agitation would send her into a coughing fit and she would withdraw to the veranda, where her daughter-in-law played with her year-old grandson.

Abraham—who had the entire estate trembling under his thumb—could not raise his voice in his home; he was ashamed of his healthy body. He took no pride in his son and

could seldom rely on him. He had become distant with his wife; they had not slept together for years. He absorbed himself completely in the farm, on his feet from the break of dawn, never knowing the time of day, and rarely stopping to take account of things.

It went on like this for years. Abraham became rich, very rich; he had no need to work, but could not help himself and worked just as before.

But ever since his daughter-in-law arrived at the estate, he grew restless. He began returning home earlier from the fields, secluding himself in his office after meals and giving himself over to bad thoughts. These thoughts did not dwindle, but attacked him like stubborn flies: "Your body is tormented . . . Your toil is in vain . . . your wealth will go up in a puff of smoke . . . Your wife is sick, many years sick . . . "

As he rode through the fields, surveying his cows and horses and the endless stretches of land that moaned with abundance, it occurred to him that *he* was Abraham, that God blessed *him* because *he* goes in God's ways, that for a reason *his* son was named Isaac and *his* daughter-in-law Rebecca.

From the endless fields a voice floated to him, enveloped him and whispered, "Abraham, Abraham . . . I made you rich . . . I made you mighty . . . Go to Frank, the shepherd, and take his daughter Daisy for a concubine . . ."

Abraham shuddered, trying to shake off any bad thoughts, and stationed his horse by a small cabin: "— Whoa!"

Daisy, a young mulatto, came out and bowed to the boss:

"Papa's in the field!"

Abraham was obsessed by the thought of Daisy. He planned to bring her to the woods and take her—after all, the forefathers always had concubines. The idea was spinning around in his head, weaving circles over circles, circles within circles, and in the middle of it all sat Daisy, cut entirely from velvet.

The old *shoykhet* arrived from town unexpectedly.

"Reb Lozer, are you here to see me?"

"Yes, Reb Abraham."

"Good, I really must talk something over with you."

Abraham got up on the *shoykhet*'s carriage. The *shoykhet* pricked up his ears:

"Tell me."

"Should a Jew . . .nowadays, I mean . . . a Jew shouldn't have more than one wife . . . right?"

"No Reb Abraham, he shouldn't! What is this all about?"

"I mean, if he has a sick wife, a paralyzed wife, is there nothing he . . . he just lives with this burden!"

"I will tell you Reb Abraham: if he has a sick wife and the illness is not curable, the Acharonim say in the *shayles u'tshuves*, in the responsa, that one may take a concubine—even Rabbi Jacob Emden says so . . . "

"Aha!"

Abraham opened his eyes so wide that the *shoykhet* jumped back.

Now Abraham came home a happy man.

"Why so late?" his wife confronted him, "The food is cold!"

"So warm it up! What a question!"

"What are you yelling for? You think you're talking to one of your farmhands?"

"No, I'm talking to you, Sarah! To you!"

She fell into a coughing fit . . .

Abraham didn't eat. He locked himself in his office, paced back and forth, and screamed silently.

He was interrupted by a knock. He opened the door.

Rebecca, fresh and lively, stood in the doorway: "Father-in-law, you should eat!"

With this, Abraham's anger subsided.

"Rivkele, bring me food."

"Good, I will!"

Sarah called from behind the door, "Tell him, Rivkele, that he should trouble himself to come into the dining room!"

Abraham walked passed both women, left the house, and returned to his fields.

# אַ שאלה

אַבֿרהם האָט אַליין ניט געוווּסט ווי רײַך ער איז. די בהמות, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די אָפּגעצוימטע לאָנקעס, האָבן זיך כּמעט יעדעס יאָר בײַם ציילן געטאָפּלט. שטיקער לאַנד זײַנען צוגעקומען – געבראַכט מיט זיך פֿרישע הענט און אין הויף האָט מען פֿון באַגינען ביז אָוונט שווער געאַרבעט, זיך געווייקט אין שווייס.

אַבֿרהם האָט ניט גערוט, זיך ניט געקענט פֿאַרלאָזן אויף איציקן, דעם ניט־דערבאַקענעם בן־יחיד. ער האָט אַ קוק געטאָן צו די בהמות, געשטאַנען בײַם שנײַדן די תּבֿואה, אַרײַנגעאָטעמט דעם פֿרישן ריח פֿון דער שוימיקער מילך, אויפֿגענומען סוחרים. ער האָט אויף אַ מינוט ניט אַרויסגעלאָזט די לייצעס און געזען, אַז אַלע באַשעפֿענישן אויף זײַן פֿאַרם זאָלן גיין אין שפּאַן.

אַבֿרהמס צעוואַקסענער גוף, דער רויטער קאַרק וואָס האָט זיך געהאַלטן בײַם איבערלייגן, דאָס דורכגעבאַקענע פּנים מיט די רויטע אָדערלעך — אַלץ האָט אַרויסגערופֿן דרך־ארץ. ער האָט ניט געקענט זען ווי מענטשן זיצן ליידיק — זײַנען די „הענט“ אונטער זײַן בליק געוואָרן פֿלינקער, די באַוועגונגען – ראַשער.

ער אַליין פֿלעגט זיך אַוועקשטעלן מיט אַ קאָסע אויף דער לאָנקע, אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די שניטערס, זיך פֿאַרגעסן אין דער אַרבעט.

בלויז בײַ זיך אין הויז איז אַבֿרהם געווען שטיל. די דינסטן האָבן געמוזט גיין אויף די שפּיץ נעגל, גערעדט מיט די ליפּן ווי עס וואָלט געווען אַ חולה אין שטוב. אַבֿרהמס ווײַב, שׂרהלע, איז געווען אַ שוואַכע, אַן אויסגעצערטע, שוין יאָרן געפּאָכעט מיט דער נשמה. זי האָט יעדע ווײַלע אויסגעצויגן דעם לאַנגן דאַרן האַלדז, ווו מען האָט געקענט ציילן די אויפֿגעצילעוועטע רייפֿלעך, ווי בײַ אַן אָפּגעצופּט הענדל, און אַ בלעכענער הוסט האָט געקאָרטשעט און געמאַטערט דעם שוואַכן גוף.

זי האָט פֿײַנט געהאַט טומל, געזעסן גאַנצע טעג בײַם פֿענצטער, געקוקט אויף דער לאָנקע און אַז זי האָט אַ מאָל דערזען ווי אַ האָן שאַרט זיך צו אַ הון, מאַכט חנדלעך, האָט זי זיי אַ בייזע פֿונאַנדערגעטריבן:

— אַ גראַרי היר! אַוועק!

פֿון אויפֿרעגונג האָט זי זיך פֿאַרהוסט, זיך פֿאַרקליבן אויף דער וועראַנדע, ווו די שנור האָט זיך געשפּילט מיטן יאָריקן אייניקל.

אַבֿרהם, וואָס האָט געהאַט אויף די פֿינגער דעם גאַנצן הויף און אַלע האָבן געציטערט פֿאַר אים, האָט אין שטוב קיין הויך וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן, זיך געפֿילט שלעכט מיט זײַן געזונטן גוף. פֿון זון האָט ער קיין נחת ניט געהאַט, זיך אויף אים ווייניק געקענט פֿאַרלאָזן. מיטן ווײַב איז ער געווען פֿון דער ווײַטנס, שוין יאָרן מיט איר ניט געלעבט. מיט אַלע חושים איז ער געווען פֿאַרטאָן אין דער פֿאַרם, געווען אויף די פֿיס מיטן טאָג צו גלײַך, קיין מאָל ניט געוווּסט ווען די נאַכט איז אַוועק, זעלטן זיך אָפּגעגעבן דין־וחשבון.

אַזוי זײַנען דורך יאָרן. אַבֿרהם איז רײַך געוואָרן, זייער רײַך, האָט שוין ניט געדאַרפֿט מער אַרבעטן, זיך אָבער ניט געקענט מער העלפֿן, געאַרבעט ווי פֿריִער.

זײַט אָבער די שנור איז געקומען אין הויף אַרײַן, איז ער געוואָרן אומרויִק. אָנגעהויבן פֿריִער צו קומען פֿון פֿעלד, נאָכן עסן זיך פֿאַרמאַכט אין קאַבינעט, זיך איבערגעגעבן שלעכטע מחשבֿות. און זיי זײַנען ניט אָפּגעטראָטן, אים באַפֿאַלן, ווי פֿאַרעקשנטע פֿליגן, זיך געריצט, וואָס ער פּײַניקט דעם גוף, וואָס זײַן פּראַצע, זײַן עשירות, וועט אַוועק מיטן רויך. דאָס ווײַב איז קראַנק, שוין יאָרן קראַנק – – –

אָפּט, אַז ער איז געריטן איבער די פֿעלדער, געזען אַרום זיך אַזוי פֿיל קי, אַזוי פֿיל פֿערד און דאָס לאַנד ציט זיך אָן אַ סוף, קרעכצט פֿון צו פֿיל שפֿע, איז אים אײַנגעפֿאַלן — אַז ער איז אַבֿרהם, אַז גאָט האָט אים געבענטשט, ווײַל ער גייט אין זײַנע דרכים, אַז ניט בחינם הייסט דער זון יצחק, די שנור — רבֿקה.

פֿון די אומענדלעכע פֿעלדער האָט זיך דערטראָגן אַ שטים, זיך געוויקלט אַרום אים, אײַנגערוימט:
— אַבֿרהם, אַבֿרהם – – – איך האָב דיך רײַך געמאַכט – – – איך האָב דיך גרויס געמאַכט – – – גיי צו פֿרענקן, דעם שעפֿער, נעם זײַן דייזין פֿאַר אַ קעפּסווײַב – – –
ער האָט אויפֿגעציטערט, געוואָלט פֿאַרטרײַבן די בייזע מחשבֿות און אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד בײַ אַ קליין הײַזל:
– האָ – האָ – האָ!
דייזי, אַ יונגע מולאַטקע, איז אַרויסגעקומען, זיך פֿאַרנייגט פֿאַרן בעל־הבית:
— דער טאַטע איז אויף דער לאָנקע!
אַבֿרהם האָט לאַנג געטראַכט וועגן דייזין, געפּלאַנט זי צו באַזיצן אין וואַלד, זיך געטרייסט, אַז אַלע אָבֿות האָבן געהאַט קעפּסווײַבער. דער געדאַנק האָט זיך געדרייט בײַ אים אין מוח, אויסגעשפּונען אַ קרײַז איבער אַ קרײַז, אַ קרײַז אין אַ קרײַז, און אין דער מיט איז געזעסן דייזי אין גאַנצן פֿון סאַמעט.
פֿון שטעטל איז אָנגעפֿאָרן דער אַלטער שוחט.
— ר׳ לאָזער, איר פֿאָרט צו מיר?
— יאָ, ר׳ אַבֿרהם!
— גוט, איך וויל טאַקע מיט אײַך עפּעס רעדן.
אַבֿרהם איז אַרויף אויפֿן שוחטס בריטשקע, צוגעבונדן פֿון הינטן דאָס פֿערד. דער שוחט האָט אָנגעשטעלט אַן אויער:
— לאָמיר הערן.
— איך מיין, בײַ ייִדן – – – הײַנט. מיין איך – – – מער ווי איין ווײַב טאָר אַ ייִד ניט האָבן, האַ?
— ניין, ר׳ אַבֿרהם, מען טאָר ניט! וועגן וואָס האַנדלט זיך?
— איך מיין, אַז איינער האָט אַ קראַנק ווײַב, אַ שלאַקריריקס, איז גאָרניט – – – האַלט זיך מיטן פּעקל!
— איך וועל אײַך זאָגן, ר׳ אַבֿרהם – – – אַז איינער האָט אַ קראַנק ווײַב און די קרענק איז ניט היילבאַר, געפֿינט מען בײַ די אַחרונים אין שאלות־ותּשובֿות, אַז מען מעג זיך נעמען אַ פּלגש – – מען געפֿינט עס אַפֿילו בײַ ר׳ יעקבֿ עמדן – – –
— אַז – זוי! – האָט אַבֿרהם גגעעפֿנט אַ פּאָר אויגן, אַז דער שוחט האָט זיך אַזש אָפּגערוקט.
אַבֿרהם איז אַהיימגעקומען אַן אויפֿגעלייגטער.
— וואָס אַזוי שפּעט? — איז דאָס ווײַב אים אַנטקעגנגעקומען — ס'עסן איז קאַלט!
— ווען מען עס אָנוואַרעמען! פּטור, נו!
— וואָס שרײַסטו? רעדסט מיט דײַנע פּאַראָבקעס?
— איך רעד מיט דיר, שׂרה! מיט די – יר!
זי האָט זיך פֿונאַנדערגעהוסט.
אַבֿרהם האָט ניט געגעסן, זיך פֿאַרמאַכט אין קאַבינעט, געשפּרײַזט איבערן צימער, געשריִען שטומערהייט.
מען האָט אָנגעקלאַפּט.
די שנור, אַ פֿרישע, איז געשטאַנען אין דער געעפֿנטער טיר:
— לאָז דער שווער גיין עסן!
דער כּעס האָט בײַ אַבֿרהמען נאָכגעלאָזט.
— רבֿקהלע, גיב מיר דאָ אַרײַן עסן.
— גוט!
— זאָג אים, רבֿקהלע, ער זאָל זיך מטריח זײַן אין עסצימער אַרײַן! — האָט זיך שׂרהלע אָנגערופֿן פֿון הינטער דער טיר.
אַבֿרהם האָט געלאָזט שטייןביידע ווײַבער, איז אַרויס פֿון הויז און זיך געלאָזט מיט די לאָנקעס.